**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 3/9/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול און אטוירני דזשענעראל דזשעימס פארלאנגען ענטפערס פון גרויסע פארמאסי טשעין פירמעס איבער צוטריט צו אבארשען דורך מעדיצין**

***נאך גרויסע פארמאסי טשעין פירמע האט צוריקגעוויזן צו אפפערן FDA-באשטעטיגטע Mifepristone אין געוויסע סטעיטס, רופן די גאווערנער און אטוירני דזשענעראל אויף קארפארעישענס צו אפפערן די מעדיצין אין ניו יארק***

***גאווערנער האקול און אטוירני דזשענעראל דזשעימס האבן געקעמפט צו מאכן ניו יארק פאר א זיכערע האפן פאר אלע וועלכע ווענדן זיך פאר אבארשען קעיר, אין די לעגיסלאטור און אין די געריכטהייזער***

***בריוו איז פארעפנטליכט [דא]()***

גאווערנער קעטי האקול און אטוירני דזשענעראל לאטישע דזשעימס האבן היינט געשיקט א בריוו צו די CEO's פון Walgreens (די אייגנטימער פון Duane Reade), Rite Aid און CVS רופנדיג אויף די קארפארעישענס – וועלכע באזיצן די מאיאריטעט פון פארמאסיס אין ניו יארק סטעיט – צו אפגעבן ענטפערס איבער זייערע פלענער צו מאכן די אבארשען מעדיצין mifepristone אוועילעבעל. לעצטנס האט איין פארמאסי טשעין פירמע אנאנסירט אז זיי וועלן מער נישט צושטעלן mifepristone – א מעדיצין וואס איז באשטעטיגט דורך די FDA פאר אבארשען קעיר און צו באהאנדלען א נפל – אין געוויסע סטעיטס, זיך אונטערגעבנדיג צו דרוק פון אנטי-אבארשען פאליטיקאנטן.

נאכפאלגנדיג די ארויסגערינענע סופרים געריכט באשלוס צו איבערדרייען די Roe אורטייל לעצטע יאר, האט ניו יארק סטעיט אונטערגענומען שריט פון פאראויס צו באשיצן צוטריט צו קעיר אין קליניקס, אריינרעכענענדיג דורכן מאכן א לאנד'ס-פירנדע 35 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג צו שטיצן אבארשען פראָווײַדערס אריבער די סטעיט און דורכן אונטערשרייבן א ברייטע רייע געזעצן צו באשיצן סיי אבארשען פראָווײַדערס און סיי זייערע פאציענטן.

די פולע נוסח פון די בריוו איז ווי פאלגנד:

מערץ 9, 2023

מיס ראָוזאלינד ברוּער
טשיעף עקזעקיוטיוו אפיסער, Walgreens Boots Alliance, Inc.
108 Wilmot Road
Deerfield, IL 60015

מיס עליזאבעט בור
ציטווייליגע טשיף עקזעקיוטיוו אפיסער, Rite Aid
1200 Intrepid Avenue, 2nd Floor
Philadelphia, PA 19112

מיס קערען ס. לינטש
פרעזידענט און טשיף עקזעקיוטיוו אפיסער, CVS Health
One CVS Drive
Woonsocket, Rhode Island 02895

לכבוד מיס ברוּער, מיס בור און מיס לינטש:

לעצטיגע נאציאנאלע געשעענישן האבן ארויסגעברענגט די קריטישע ראלע וואס פארמאסיס שפילן ביים צושטעלן צוטריט צו קריטיש וויכטיגע געזונטהייט קעיר, אריינרעכענענדיג העלט קעיר ארום דאס האבן קינדער. דאס איז די סיבה פארוואס מיר שרייבן אייך היינט, אייך צו בעטן צו צוזאגן צו מאכן אבארשען מעדיצינען אוועילעבעל אין אייערע ריטעיל און דעליווערי פארמאסיס אריבער ניו יארק סטעיט.

ווען די פאראייניגטע שטאטן סופרים געריכט האט ארויסגעגעבן די *Dobbs* אורטייל לעצטע יאר זענען קאנסטיטוציאנאלע באשיצונגען פאר אבארשען קעיר אוועקגענומען געווארן פון מיליאנען פרויען אין דאס לאנד. באלד דערנאך האבן אנטי-אבארשען עקסטרעמיסטן, סיי אין די סטעיט לעגיסלאטור און סיי אין די פאראייניגטע שטאטן קאנגרעס, גענומען שריט צו שווער באגרעניצן אדער פולשטענדיג פארבאטן אבארשען. די קאנסעקווענצן דערפון קענען זיין טויטליך: א 2022 שטודיע דורך די קאלאראַדאָ אוניווערסיטעט האט געשאצט אז א נאציאנאלע פארבאט אויף אבארשען קען העכערן די ראטעס פון מאמעס וועלכע גייען אוועק ביים געבורט מיט אזויפיל ווי 24%. צוטריט צו אבארשען קעיר איז שוין יעצט דראמאטיש געשראנקען אין די חודשים זינט די אורטייל איז אנאנסירט געווארן, און עס איז געווארן אינגאנצן אוממעגליך צו באקומען אין ברייטע שטחים פון דעם לאנד.

דאס איז גענוי פארוואס מיר האבן געלייגט אלץ א פריאריטעט צו באשיצן פרויען'ס רעכטן אין ניו יארק נאך די *Dobbs* אורטייל. ניו יארק האט אויפגעשטעלט די לאנד'ס בעסטע אבארשען פראָווײדער שטיצע קאסע און אריבערגעפירט נייע געזעצן צו באשיצן די רעכטן פון העלט קעיר פראָווײדערס און פאציענטן. און די אטוירני דזשענעראל האט אויפגעשטעלט די 'פּראָו-באָנאָו' איינהייט פאר פרויען געזונטהייט ( Pro Bono Task Force for Reproductive Health) צו צושטעלן אומזיסטע לעגאלע מיטלען און ייעוץ פאר פראָווײדערס און פאר די וועלכע ווענדן זיך פאר אן אבארשען אין ניו יארק. אבארשען זעצט פאר צו זיין לעגאל אין ניו יארק סטעיט, און מיר האבן באשיצונגען אין פלאץ פאר ניו יארקער און פאר סיי ווער וואס קומט אהער צו באקומען אבארשען קעיר. אין א צייט ווען פרויען'ס רעכטן זענען אונטער אטאקע אין אנדערע פלעצער, קענען מיר זיי נישט לאזן געטשעפעט ווערן דא אין ניו יארק.

פאר די סיבות האבן מיר ווארעם באגרוסט די FDA'ס אנאנס אין דעצעמבער פון 2022 אז זי וועט פערמאנענטערהייט אוועקנעמען די פארלאנג וואס פלעגט זיין אן א מעדיצינישע סיבה אז mifepristone – א FDA-באשטעטיגטע מעדיצין וואס ווערט גענוצט פאר אבארשען קעיר און צו באהאנדלען א נפל – זאל נאר איבערגעגעבן ווערן פערזענליך. מיר זענען אויך דערפריידט געווארן דורך די ערשטיגע אנאנסן אז די גרויסע נאציאנאלע פארמאסי טשעינס, אריינרעכענענדיג אייערע, וועלן זוכן צו באקומען סערטיפיקאציעס פון די FDA צו קענען פארקויפן די מעדיצין. פארמערן די אוועילעביליטי פון אבארשען דורך מעדיצין – די שיטה וואס איז יעצט פאראנטווארטליך פאר מער פון האלב פון אבארשענס וועלכע ווערן דורכגעפירט איבערן לאנד – איז קריטיש וויכטיג פאר די ציהל פון פארברייטערן צוטריט צו אבארשען צו נאכקומען די העכערע פארלאנג נאכפאלגנדיג *Dobbs*.

צום באדויער האבן 20 אטוירני דזשענעראלס, זיך אונטערגעבנדיג צו די נאציאנאלע דרוק קאמפיין פון פארשידענע כוחות וועלכע זענען קעגן די רעכט פון די פרוי צו מאכן אן אויסוואהל, גערופן אויף די פארמאסיס נישט צו פארקויפן די קריטישע מעדיצין אין זייערע סטעיטס, זיך באזירנדיג אויף אן אויסטייטשונג פונעם געזעץ אויף א מחמיר'דיגע וועג און אויף פארדרייטע פאקטן. מיר מוטיגן אייך נישט צו ערלויבן די טאקטיקן אייך צו דערשרעקן און צו צוזאגן צו מאכן די קריטישע מעדיצין אוועילעבעל ווי ברייט עס איז נאר מעגליך, באזירט אויף א יושר'דיגע און נישט גענייגטע אויסטייטשונג פון סטעיט און פעדעראלע געזעץ.

אפילו אין די צייט ווען צוטריט צו די מעדיצין איז אין סכנה אין אנדערע פלעצער פאר פאליטישע סיבות, דערמאנען מיר אייך אז ניו יארק'ס געזעץ איז איינפאך: אבארשען איז לעגאל און באשיצט אלץ א פונדאמענטאלע רעכט אונטער סטעיט געזעץ, און עס איז נישטא קיין שום לעגאלע שטער צו פארקויפן mifepristone אין ניו יארקע פארמאסיס. ניו יארקער דארפן דרינגנד אז זייערע העלט קעיר פראָווײדערס זאלן לאזן הערן קלאר און דייטליך זייער שטיצע פאר צוטריט צו פרויען העלט קעיר. אלץ CEO's פון קארפארעישענס וועלכע האלטן אויף מערערע פארמאסיס אין ניו יארק, זענט איר פארטרויט מיטן מאכן באשלוסן וועלכע קענען האבן א גרויסע השפעה אויף ווי גרינג די קריטיש וויכטיגע מעדיצין איז דא צו באקומען איבערן סטעיט. מיר שרייבן אייך דערפאר אייך צו פרעגן די פאלגנדע פראגן:

- וועט איר זיך אונטערנעמען צו פארקויפן mifepristone פאר פאציענטן מיט א רעצעפט פון א דאקטאר ביי אלע FDA-סערטיפייד פארמאסי לאקאציעס אין ניו יארק סטעיט? אויב נישט, וואס איז די לעגאלע באזיס פאר די באשלוס?
- וועט איר זיך אונטערנעמען צו פארקויפן mifepristone דורך דעליווערי מיט א רעצעפט פון א דאקטאר פאר פאציענטן אין ניו יארק סטעיט? אויב נישט, וואס איז די לעגאלע באזיס פאר די באשלוס?

ניו יארקער דארפן דרינגנד א קלארקייט אויף די פראגן, אזוי ווי פרויען'ס רעכטן ווערן געשניטן און אפגעשוואכט אריבער דעם לאנד.

ביטע שיקט אייער אנטווארט אין שריפט ביז 10 ביזנעס טעג צו osg@exec.ny.gov.

ברכה והצלחה,

גאווערנער קעטי האקול

אטוירני דזשענעראל לאטישע דזשעימס

###